# אויפן ראג

א. נ. שטענצעל

בערלין 1935

Bayerische
Staatsbibliothek
München

מאי דכתיב: "אשרי אדם מפחד תמיד"
גיטן נ"ה ע"ב

א.

מיט טאג־אויפגיין איז אזא שווידער אין בלוט
אויסצוטריפן צווישן צעשאטנטע ראגן.
יעדער פרעמדער, יעדער הארטער טראט אין דרויסן
הילכט אפ אין די שלייפן מיט א ווילדן יאגן.

מיט טאג־פארגיין נעמט ארום אזא שרעק,
יעדער ראג פון שטיינער א צעווארפענער הויפן!
און דאס הארץ איז א קינד מיט וואקלדיקן גיין,
וואס וויל פון אייגענעם שאטן אנטלויפן.

*

די לעצטע לינדן דא זיינען שוין אפגעבליט,
די זון ציטערט צווישן פארמאטערטע צווייגן,
און אין דעם גערויש און געהעך און געפלאטער
פארבלוטיקט דאס הארץ אין צעריסענעם שווייגן.

ווהין די יאגנדיקע רעדער, ווילדע, צעדרייטע?
און די גלאטע וועגן פון אלע זייטן?
ווער נעמט אן ביי דער האנט צוצופירן?
וועלכע אויגן, וועלכע שטילע, פול מיט באגלייטן — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

*

אפשר ווײנט זי איצטער דארטן גאנצע נעכט?
אפשר וועקן זי פון שלאף שווערע טרוימען?
יעדער בין־השמשותדיקער שפאציר
איז אזא שרעק: עפּעס־וואס צו פאר־זוימען!

בערג ארויף, בערג אראפ, אויף אלע וועגן
יאגן זי נאך אזעלכע ווילדע שרעקן.
און אין מיטאג־שעה די זון איבערן קאפּ
מיט זידיק בלוט אן איבערגײיענדיקער בעקן.

*

מיט וועלדער, מיט פעלזן, מיט פינקלדיקע קוואלן
גראבט זיך טאג לעבעדיק ארוים יעדן פרימארגן.
און הארץ שווידערט אויף מיט פינסטערנישן צעגראבן,
אלץ טיפער און טיפער זיך צו פארבארגן.

אפשר איבער יעדן מויל־ווארעם־בערגל
בלייבט זי דערשראקן שטיין מיט פארלאשענע אויגן.
און צווישן די סאסנעס יעדע פארשפּינטע פליג —
ציטערט אויף איר הארץ פון שרעק אויסגעזויגן!

*

וואס איז טיפקייט פון הימל, פון לויטערן,
אויפגעגאנגענע ערד אין ליכטיקע קאלירן,
ווען אויף ראג פון טויט מ׳קאן נישט בלייבן שטיין
מיט אויגן, פארשוויגענע, אלץ צו פארלירן?

וואס איז פילן, וואס איז טראכטן, וואס איז ווערטער,
און צומאל א הארץ, א פול געזאפּטס מיט טרערן?
זע, א לעבעדיקער מענטש קאן אויף איינמאל
ווי א קבר אזוי פארשוויגן ווערן — — —

*

אויף שוועל פון געבוירן און פון שטארבן
שטייט שרעק מיט ארעמס אויסגעשטרעקטע — —
נישט לעבן איז פארהאנען, נישט טויט!
ס׳זיינען געשרייען נאר, אויפגעשרעקטע.

פארן טויער, וואס פירט פון הארץ צו הארץ,
שטייט שרעק מיט ארעמס אויסגעשפּרייטע — —
נישט דו איז פארהאנען נישט איך!
ווערטער־קנוילן, פארוויקלטע, פארדרייטע.

*

גערשריי אין דער וועלט אן אויפהער!
ס'איז מורא פון ווערן און אויפהערן!
מענטש צו מענטש פארקניפט שרעק
ווידער אויפסניי געבוירן צו ווערן.

מיין הארץ איז ווידער אויפגעפלאנטערט.
מיינע ארעמס אפן ארומצונעמען —
נישט לעבן, נישט טויט. נישט ליבע צומאל!
שרעק צעציטערטע פון ווענען צו ווענען.

ב.

צעציטערטע רענדער, שימערנדיק דערשטיקטע,
ליכטיק וואָרקעָן צווישן טונקל פון צווייגן,
און דאָס קרייזן אין די שטילע הייכן
פונם שפּאַרבער הערליך אַזוי אין זיין שווייגן.

נאַטור איבער אונז און אונטער אונז
און צעשפּיגלט אין אונזער בלוט ווי אין טייכן!
אַ, ווער איז שפּאַרבער און ווער איז טויב?
און ווער קאָן דעם ברעג פון זיין האַרץ דערגרייכן?

*

דאָרטן צווישן טאָלן, שווינדלדיקע, געדרייטע
וועסטו נישט מיך און נישט דיך דערטראַכטן,
יעדע מינוט איז שטאַרבן און געבוירן!
יעדע העויה גרויסקייט און פאַראַכטן!

דאָרטן צווישן בערג, הויכע צעהויקערטע,
לעבעדיקס וועסטו נישט אויסטראָגן!
זע, די ליבע איז אַ פלאַפּלדיק קינד,
קאָן נישט שווייגן און קאָן נישט דערזאָגן!

*

לעבעדיק און בלוטיק ווי א קינד,
אין גרויסע ווייען צוזאמענגעבראכן,
אזוי ווערט לעבעדיקס אויסגעטראגן,
נישט שארנדיק און אויף ווענט נעקראכן.

יא, מיט קאפ דורך הארטע וואנט!
און מיט די ציינער זיך אדורכגעביסן!
לעבעדיק לעבן צאפלט בלוטיק אויף,
פון קיינעם און פון גארנישט נישט צו וויסן.

*

דארטן צווישן קוואלן, צווישן פעלזן — — —
צווישן רוישיקן אויפגיי פון זונען — —
זע, יעדעס בלוט איז ליכטיקער קוואל,
לעבצעדיקע ליפן צו געפונען.

דארטן צווישן סאסנעס, צווישן דעמבעס — — —
צווישן ליכטיקן ציטער פון צווייגן — —
זע, שרעק האט מיך אוועקגעשטעלט אויף ראג,
ביז דער טאג וועט אויסגעבלוטיקט זיך נייגן.

*

מיט טאָג־פאַרגיין נעמט אַרום אַזאַ שרעק
און אין ליבע און אין מענטש ווילט זיך גלויבן,
אַ רויב־פויגל, פּיפּסנדיקע אויסצובריען,
ועצט נאַכט זיך אויף שוידערנדיקע שויבן —

פינסטערנישן צעציטערטע, צעצאַפּלטע,
דזשוביען זיך מיט ווילדן געפּלאַטער,
פאַר יעדער דערשראָקענער שטוב מיין האַרץ
געפּענטעט צו לעצטן געמאַטער — —
— — — — — — — — — — — — — — — —

*

אפשר וואַכט זי דאַרטן די גאַנצע נעכט?
אפשר וואַיען די הינט פאַר אַלע טויערן?
קלויסטער־גלעקלעך, וואָס רופן צו באַגרעבניש,
צעקלינגען אירע דערשראָקענע אויערן?

מענטשלעך האַרץ, ווער קאָן דערגרונטעווען!
אייגענעם געדאַנק צומאַל, ווער קאָן אַנטבלויזן!
אַ, מיין בלוט שוידערט אין מיין געביין,
טוי־טראָפּן אויף דערנדלעך פון רויזן — —

*

אפשר ווען זי וועט צוריקקומען,
וועל איך שוין זיין ערגעץ־ווו באגראבן —
פליען נישט פאר איר פענסטער דארט
יעדן פרימארגן שווארצע ראבן?

אפשר אזוי שטיל ווי זי איז אוועק,
אזוי שטיל וועט זי ווידער צוריק אנקומען,
דורך טונקלנישן וועט זי זיך שארען,
אויף מיין קבר צו לייגן א פאר בלומען.

*

און אין שוואַרצן וועט זי זיך מסתּם אָנטון,
אַרום די ליפּן אַזאַ אַנגענעם פאַרטראַכטן,
און דער בליק וועט זײַן אַזוי טיוליען־טונקל
מיט אַזאַ טוליענדיק פאַרשמאַכטן.

און זיך־שאַרנדיק אַזוי מיט קרעפּענעם שאַרך,
און אין האַרצן אַזאַ זיסן נאַגן,
וועט זי פּלוצלינג אויפשימערן מאַרע־זײַדן
פון אַ פאַרבאַגײַער דאָ צווישן די ראָגן — —

*

איך וויל אויפלאַכן אַזוי ווילד און שרעקלעך,
אַז די שרעק אין מיר זאָל גלעזערדיק צעשמעטערן!
פון אַ מאַמוט, פון אַ וויזל־טיר אַ קבר
איז זיכער דער בערג, וואָס זי וויל איצט דערקלעטערן!

און אין טויזנטער, טויזנטער יאָר
וועלן ראָגן דאָ זײַן בערג־קנוילן מיט גראָז באַוואַקסן,
צוויי־פּיסיקע וועלן ראַיען און פּיטערן,
און אייך־פּיסיקע זיך קליגלען מיט מענטשלעכע פּאַקסן —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

*

א, העכסטער בארג איז איינן הארץ,
דער שפּיץ קיינמאל נישט צו דערגרייכן!
טיפסטער געדאנק — נידריקסטער טאל,
מיט שטיל־שטייענדיקע, פארוואקסענע טייכן!

אזא עקל רינגלט ארום מיין הארץ,
גלאַט און גיפטיק ווי געקנויל פון שלאנגען,
און איך שפּרינג אויף, גיפטיק געבּיסן
פון מיינע פארבארגענסטע פארלאנגען.

*

אזוי ווי א קבר ברויך נישט קיין בלומען,
ברויך לעבן קיין ווערטער נישט און קיין טרערן,
וואס איז איך, וואס איז דו און וועמען צו וועמען,
ווען הארץ איז אפן מיט זען און מיט הערן!

וואס איז חלום און וואס איז וואר
און וואס זיינען די ווייטסטע שטרעקן?
ווען שרעק שטייט מיט אויסגעשטרעקטע ארעמס,
וואס איז זון און וואס איז בלוטיקער בעקן?

*

שטילע סטעשקעס, חלומות פארוויגטע,
לויטערער באגינען צעפונקלט אין טויען;
בין־השמשותן, זילבערנע, פארגילדעטע,
איינצופאסן פערלמוטערנעם גרויען.

און אפשר, ווען זי וועט צוריקקומען,
און זי וועט מיך אויפן ראג דא נישט געפינען,
איר הארץ וועט לויטער אויסבלוטיקן
זון־אויפגיי אין טויאיק־צעציטערן באגינען.

*

זע, שרעק קאן זיך לויטערן ווי א מאנטנער קוואל
און טראגן פרייד אין זיך טיף באהאלטן,
ווי אן אויסגעברייטערטער שטילער טייך
טראגט זון אין זיינע קלארע פאלדן.

לעבן קאן לויטערן און צעפונקלען!
געדאנקען זיך פארן ווי טורטל־טויבן!
מיט טאג־אויפגיין נעמט אזא שווידער ארום,
יעדער בלוט־טראפן צעציטערט מיט גלויבען –

*

ווי רויזען קאנען נישט זיין אן דערנדלעך,
אזוי איז פרייד אן צער נישט פארהאנען.
און די זאפטיקע פרוכטן קומען ערשט דעמלט,
ווען די שיינקייט פון די בליטן פארוויאנען.

פולע קנאספן אין טויען צעשימערטע
ציטערט שרעק אין אונז אויפגעבראכן צו ווערן!
א, זאלן דאך הערצער אונזערע צייטיקן
מיט זאפטן, וואס דערקוויקן און וואס דערנערן.

בערלין, אין די „דריי־וואכן" 1935

Bayerische
Staatsbibliothek
München

14
80
32
100
78

---

304

Bayerische Staatsbibliothek
<36658460100015